בסייעתא דשמיא

א חסידישער

גליון כ׳ | פר׳ ויחי תשפ״ו

# פארברענגען

נדבת ידידנו
מוה״ר ר׳ **פנחס טודרוס** הי״ו
לזכות הוריו הרב **ברוך בנימין** שי׳
ולעילוי נשמת מרת **מרים** ע״ה
**אלטהויז**

ווען דער טאג ווערט פארדרייט מיט

## אן אומערווארטעטער פאַנטשער

// א פארברענגען

אנשטאט גיין מיטן סדר היום וואס מיר האבן אויסגעשטעלט פונקטליך און מסודר׳דיג, געשעהט אפט, אז דער טאג ווערט פארדרייט און פארפארן. א קינד שפירט זיך פלוצלינג נישט גוט און מ׳דארף גיין צום דאקטער. מ׳דארף פונקט עפעס אויפפיקען פונעם אנדערן עק שטאט און מ׳זיצט א האלבע שעה אין טרעפיק. אנשטאט ערלעדיגן די געפלאנטע ענינים, ווערט מען אמאל פארנומען מיט אומ׳ערווארטעטע פאנטשערס וואס שטערן דעם רואיגקייט און סדר החיים. ״פארוואס דארף מיין טאג אויסקוקן אזוי צופארן?!״ פרעגט מען זיך אמאל.

צוויי יסודות קען מען ארויסנעמען פונעם ערשטן מאל וואס אידן זענען אריבער א ׳פאנטשער׳; א דיטאו״ר שאין כדוגמתו.

### דעם ערשטן ׳פאנטשער׳

יעקב אבינו מיט די שבטים זענען געזעצן על מי מנוחות אין ארץ ישראל און זיך איבערגעגעבן על התורה ועל העבודה. אין אן אומערווארטעטער ווענדונג פון געשעהנישן, געפינען זיי זיך מיטאמאל אין א פרעמדע לאנד מיט שווערע שעבודים און עבודת פרך. ווי איז מען אזוי צופארן?

דער ׳ווענדונג פון געשענישן׳, איז אבער למעשה געווען פונקטליך אויסגעשטעלט מיט צענדליגע יארן פריער. ביים גורל׳דיגן ׳ברית בין הבתרים׳ איז שוין געווען באשטימט אז עס וועט קומען א צייט פון ׳ועבדום וענו אותם׳.

### א. מה׳ מצעדי גבר כוננו

דאס לערנט אונז א יסוד – מלמד על הכלל כולו יצא: **יעדער** זאך וואס געשעהט אין אונזער לעבן איז **אייביג** א חלק פון א פונקטליכע פלאן.

די בני בית וואס מיר האבן. די געלט וואס מיר פארמאגן (אדער נישט). אפילו די רוחניות׳דיגע נסיונות וואס דער אויבערשטער האט אונז געשאנקן: אלעס איז פונקטליך אויסגעשטעלט מלמעלה.

אמאל איז די סיטואציע אנדערש פון וואס מיר האבן ערווארטעט. אייביג איז מען אבער אין א מצב פון ״ינהלני״, און מיט דעם, קען מען טאקע גיין ״על מי מנוחות״. אמאל שפירט זיך ווי מ׳איז אביסל אפגעפארן פונעם פלאן. דאס איז אבער אויך אייגנטליך א חלק פונעם פלאן.

עס פרעגט זיך אבער די שאלה: אויב ס׳איז אלעס מן השמים, וואס האט עס מיט מיר? וואס איז מיין ארט אינעם בילד ווען מ׳רעדט פונעם אויבערשטנ׳ס חשבונות?

דא קומט אריין דער צווייטער יסוד:

### ב. א תכלית אין יעדע מצב

דער מגיד הגדול פון מעזריטש האט איבערגעגעבן א יסוד פונעם בעש״ט הק׳:

אין יעדע מצב, אין יעדע מינוט און אין יעדן פלאץ, איז אייביג דא א כוונה עליונה; א געוויסע שליחות וואס מיר דארפן אויספירן. אמאל איז די שליחות צו ארבעטן אויף אונזערע מדות – אין דעם געגנויען מצב, אמאל איז די עבודה אויפצוהויבן א צווייטן אין דעם ספעציפישן פלאץ, און אמאל איז עס די עצם ליכטיגקייט פון א אידישער אויפפירונג וואס דארף אריינשיינען אין דעם פונקטליכע חלק אין וועלט. וואס די מצב זאל נאר זיין, איז אייביג דא א שליחות דערין.

ווען מיר טוען אויספירן אונזער תפקיד, ווערן מיר ״שותפים להקב״ה במעשה בראשית״ און מיר טוען אויספירן דעם גרויסארטיגן תכלית הבריאה פון ״לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים״. דאס איז די סאמע-גרעסטע זכות וואס מיר קענען פארמאגן און פאר די נשמה ווערט עס אן **אומשאצבארער רכוש**.

אינעם גורל׳דיגן נבואה איבער דער ״ועבדום וענו אותם״, איז אויך קלאר געגעבן געווארן דער ג-ט׳ליכע הבטחה אז **׳ואחרי כן יצאו ברכוש גדול׳**. דעם ׳רכוש׳ איז נישט קיין ריעמבורסמענ״ט און שכר אויף די צרות וואס מיר האבן געליטן. עס איז דער תכלית פונעם גלות מעיקרא.

דאס איז אויך מלמד על הכלל כולו: אין יעדע מצב וואס מען גייט נאר אריבער, אז מיר טוען אויספירן אונזער שליחות, גייט מען אייביג ארויס מיט אן אמת׳ע רכוש: א התעלות וואס איז העכער, גרעסער און טייערער פון וואס מיר האבן סיי ווען געקענט ערווארטן, און וואס מיר וואלטן קיינמאל נישט געקענט דערגרייכן אין סיי וועלכע אנדערע מצב.

ס׳איז גוט צו פלאנירן דאס לעבן און גיין דערמיט כראוי וכיאות. פיעל העכער, גרעסער און טייערער איז אבער, צו מארשירן אין די מצעדי גבר וואס דער עילת העילות טוט אונז קלאר אויסשטעלן – און זאגן **״הנני!״** איך בין גרייט אויסצופירן **דיין** שליחות!

דער אויבערשטער זאל בענטשן יעדן איד מיט כל טוב סלה בגו״ר, בטוב הנראה והנגלה!

לחיים אידן, לחיים ולברכה!

### דער אויבערשטער האט אים אהינצו געשיקט

**מה׳ מצעדי גבר כוננו . . וכל אחד – באשר הוא ובכל מקום שהוא – צריך להתענין בכל מאמצי כוחו לחפש בחפש מחו־פש למצוא איזה פרנסה רוחנית כמו שהוא מחפש אחר פרנסה גשמית.**

היום יום י״ד חשון

**וואו נאר א איד געפינט זיך, האט אים דער אויבערשטער אהינצו געשיקט אלס שליח דארט צו פארשפרייטן אידישקייט און ליכטיג מאכן די פינסטערניש פון גלות דורך ׳תורה אור׳.**

*משיחת כ״ז אלול ה׳תש״מ*

### מצוה **לספר**

*המשך פונעם צווייטן זייט:*

אז זינט בריאת העולם טוען די מים תחתונים וויינען ׳אנן בעינן למהוי קמא מלכא׳; אז אידן זאלן מיט זיי מקיים זיין דעם רצון השם; ווי דורך טבילת מצוה, טבילת טהרה לתפילה, נטילת ידים מיט א ברכה בהזכרת שם שמים, וכדו׳.

אט דער ׳וויינען׳ קען אמאל אנגיין פאר טויזנטער יארן ביז עס גייט אדורך א איד און מאכט אויף איהר א ברכה ׳שהכל נהי׳ בדברו׳.

דער קוואל וואסער וואס איר האט געטראפן אין די טיפענישן פונעם וואלד, ווארט שוין משֵשת ימי בראשית נתעלה צו ווערן. מיט דעם וואס איר האט זיך באנוצט מיט די וואסער אויף נטילת ידים און געמאכט דערויף ברכות בכוונה, האט איר עס מעלה געווען ׳קמי׳ מלכא׳ און אויסגעפירט איהר תכלית פון בריאת העולם.

דא האט דער בעש״ט אויסגעפירט: **״וזהו ענין השגחה פרטית, אשר כל נברא יש לו זמן עלייתו ועל ידי מי יתעלה, וכל נשמה ונשמה יש לה תכליתה מה ובאיזה מקום עלי׳ לעבוד ולתקן.״**

ע״פ לקוטי דיבורים למוהריי״ץ ח״ד, ע׳ 1167–1192

## בדידי הוי עובדא

### א צובראכענע מאטאר שאפט אן אומגעראכטענעם ׳בר מצווה׳

**הר״ר אברהם שטערנבערג הי״ו**, ניו לאנדאן, קאנעטיקוט

עס איז געווען מוצאי תשעה באב נאך מעריב, ווען איך האב זיך ארויסגעיאגט פון בית המדרש אהיימצוגיין אויספאסטן און איבערבייסן עפעס נאך דעם לאנגן תענית.

ווי איך בין אבער אריין אין קאר, האב איך תיכף געשפירט אז עפעס איז נישט בסדר. דער שליסל האט זיך נישט געדרייט געהעריג, און די קולות וואס דער מאטאר האט ארויסגעגעבן האבן אנגעזאגט אז דער קאר האט וואר־שיינליך נישט דורכגעמאכט דעם תענית.

בלית ברירה האב איך געמוזט איבערלאזן דעם קאר נאנט צום בית המדרש און אהיימגיין צופוס; מארגן וועט מען זיך שוין זארגן צו רופן א מעכאניקער צו פאררעכטן דעם קאר.

טאקע אינדערפרי נאך שחרית איז דער מעכאניקער אנגעקומען. אבער נאך עטליכע מינוט איבערקוקן און באטראכטן דעם קאר האט ער גע׳פסק׳נט ער אז מען דארף טאָוע״ן דעם קאר צום גאראדזש עס צו פאררעכטן.

איך האב געשפירט היפש פארלוירן, טראכ־טנדיג אז מיין שוין-אזוי-אויך אנגעצויגענער סדר היום וועט ווערן נאכמער פארשלעפט צוליב אן אומערווארטעטן פאנטשער...

נאך א קורצע שמועס מיטן מעכאניקער, ווייזט זיך אויס אז ער איז גאר א איד. ״אה, דו ביסט א איד!״ האב איך אויסגערופן, ״דו ביסט דאך ממש אינעם פארקינג לאט פון א שול, אפשר קומסטו אריין לייגן תפילין?״

״איך האב אין מיין לעבן קיינמאל נישט געלייגט קיין תפילין. איך האב אפילו נישט געהאט קיין בר מצווה,״ האט ער ארויסגעשטאמלט.

מיר זענען תיכף אריין אין ביהמ״ד, געלייגט תפילין מיט אים, און ספאנטאניש געפייערט זיין בר מצווה.

המשך ›

איך האב דעמאלט טאקע געוואלט אויספאסטן נאך **א טאג** פון הונגער. יענער האט אבער זיין **גאנץ לעבן** געהונגערט. לא רעב ללחם, ולא צמא למים: מיט א דריי מיטן שליסל, און א דריידל פון געשעהנישן, האט דער אויבערשטער מיר געפירט אים צו העלפן אויספאסטן פון זיין תענית.

## פון א פארלוירענע טעלעפאן, צו א קייט פון אפגעפינען נשמות

**הר"ר שמואל טעוועל הי"ו**, פאריז, פראנקרייך

שוין א לענגערע צייט וואס מיר האבן פלאנירט אוועקצופארן אויף אפרוה. לוסטיג און פריילין האבן די קינדער אנגעלאדנט די פעקלעך אינעם גרויסן ווע"ן, גרייט ארויסצופארן אויף די לאנג ערווארטעטע וואקאציע.

שוין זיצנדיג ביים רעדל ארויסצופארן, האב איך באמערקט אז מיין טעלעפאן איז פארלוירן געווארן; און אָהן דעם קען מען דאך נישט פארן.

דערמיט האט זיך אנגעהויבן א העפטיגע זוכעריי. מ'האט געזוכט איבעראל: אין שטוב, אין בית מדרש, אין קאר, אבער עס איז נישט געווען צום געפינען. מער ווי א גאנצע שעה האט מען גענישטערט אָן קיין ערפאלג.

"רבוש"ע!" האב איך געטראכט, "איך ווייס אז אלעס האט א סיבה, אבער וואס קען דא זיין די סיבה פאר אזא אומערווארטעטן אפשטעל? פארוואס זאל דער וואקאציע זיך דארפן אנהייבן מיטן לינקן פיס און מיט אן עגמת נפש?"

נאכן ארום זוכן א לענגערע צייט, האט איינער ענדליך געהערט א שטיל קול פון טיף צווישן די פעק און זעק אינעם טראָנק. דער טעלעפאן קלינגט! מען האט עס געפונען, ברוך ה'. זעהט אויס אז בשעת'ן אנפילן דעם טראנק איז עס ארויס געפאלן פון טאש טיף אריין צווישן די פעקלעך.

שנעל זעצן זיך אלע צוריק אריין אין קאר, ענדליך גייט מען שוין ארויספארן.

ווי נאר איך פאר ארויס אביסל, זע איך ווי פארנט פון אונז שפאצירן צוויי יונגען מיט לאנגע האר און פראסטע קליידער. עס דערקענט זיך אבער זייערע אידישע צורה.

איך האב נישט געטראכט קיין צוויי, כ'בין באלד ארויסגעלאפן און זיי געפרעגט: "חברה, וואס מאכט עטס?! האט איר שוין אפשר געלייגט תפילין היינט?"

"ניין, נאכנישט" האבן זיי געענטפערט. גלייך האב איך מיט זיי געלייגט תפילין און צוזאמען געליינט קריאת שמע. פארשטייט זיך צום סוף האט מען געכאפט א ריקוד אויף די געוואלדיגער זכי' צו קענען מקיים זיין מצוות ה'.

איינער פון זיי – שפירנדיג א קרבת אלוקים – האט זיך דארט אויפן פלאץ גאר אינטערגענומען אנצוהייבן לייגן תפילין יעדן טאג...

מיט דער צייט איז ער געווארן פון די גרויסע אינספירירער צווישן זיינע חברים מקיים צו זיין מצוות תפילין. היינט פירט ער אן גאר א סוקסעספולער תפילין קאמפיין פאר אומצאליגע אידן.

אונזער צייטווייליגער וואקאציע איז טאקע אביסל אפגעשטופט געווארן. מיט דעם אבער האט אונז דער אויבערשטער מזכה געווען מיט אן אומשאצבארע נצחיות'דיגע געלעגנהייט, נענטער צו ברענגען א אידישע נשמה, און ווייטער און ווייטער מזכה זיין אנדערע.

מער ווי א וואקאציע, האבן מיינע קינדער דאן באקומען א לעבנסוויכטיגע מוסר-השכל וואס עס מיינט אז אין אלעם איז דא א תכלית. און אז למעשה – דער אויבערשטער פירט די וועלט. ■

## ווען מ'זעהט נישט דעם סוף

**הר"ר לוי אבצן הי"ו**, יוהאנעסבורג, דרום-אפריקע

דורכאויס די יארן האב איך פיהל מאל מיטגעלעבט די השגחה העליונה אויף א וואונדערליכער, גלוי'דיגער פארנעם. איינמאל האב איך אבער געהאט א קליינע איבערלעבעניש וואס האט מיר געגעבן אויך אן אנדערע דערהער:

איך בין אנגעקומען אינעם פארט-לאודערדעיל לופטפעלד אין פלארידע, מיטן ציל צו כאפן מיין אכט אזייגער ביינאכט פליי"ט קיין דזשעי-עפ-קעי אין ניו יארק. דער אגענט ביים געיט האט אבער גע'טענה'ט אז איך בין פינף מינוט שפעט און "דער געיט איז שוין פארשלאסן". קיין טענות ומענות האבן דא געהאלפן. זעענדיג אז אויף דער פלייט וועל איך שוין נישט קענען ארויפגיין, האב איך בלית ברירה באשטעלט א צווייטן טיקעט אויף א שפעטערדיגע שעה.

זיך אוועקזעצנדיגווארטן אויף מיין צווייטע פליגער, האב איך אנגעהויבן טראכטן צו זיך: וואס קען שוין זיין דער תכלית אז איך זאל יעצט זיצן און ווארטן עטליכע שעה אין אן עירפארט?!

ווער ווייסט? אפשר ווארטן מיר דא גרויסע ענינים? אפשר וועל איך זיך טרעפן מיט א צובראכענע נשמה און אים מחזק זיין און דערמיט גאר 'ראטעווען זיין לעבן'?! אפשר וועל איך זיך טרעפן מיט גאר א ספעציעלער פערזענליכקייט וואס וועט מיר שענקן א ריזיגע נדבה פאר אונזערע שליחות אקטיוויטעטן?!

אזוי ווארטנדיג, איז אבער פון מיינע דמיונות גארנישט ספעציעל געווארן. איך האב נישט גערעטעוועט א לעבן און נישט באקומען קיין נדבות. וואס איך האב אבער יא געהאט, איז א געלעגנהייט פון פרייע צייט צו קענען אריינכאפן מיינע שיעורים.

טאַקע דארט, אין א ווינקל פונעם טומל'דיגן לופטפעלד – א מקום פוהל מיט אויסגעלאסנקייט – האב איך געעפנט א ספר און זיך גענומען לערנען פלייסיג.

תורה ברענגט דאך א קדושה אין יעדן פלאץ, אפילו אין א לופטפעלד. אפשר איז דאס געווען דער גאנצער ציל – אריינצוברענגען קדושה, אין יענע מאמענטן און אין יענעם פלאץ.

איך וועל קיינמאל נישט וויסן אויף זיכער די סיבה פארוואס כ'האב געדארפט פארשפעטיגן דעם פליגער. אין דעם בין איך אבער איבערצייגט: דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל, נאָר פונקטליך אויסגערעכנט פון הימל. ■

הפצת הגליון נתנדב לזכות משפחת מוה"ר **שלום דובער אזולאי** הי"ו
**לרגל השמחה השרוי' במעונם בלידת בנם שי' למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**
יה"ר שיזכו לרוות ממנו שפע נחת חסידי ויגדלו אותו הוריו לתורה לחופה ולמע"ט מתוך בריות גופא, נהורא מעליא, וכל טוב סלה!



# "עס איז געקומען דער צייט, אז די תורה וואס משה בן שמואל צדוק האט געלערנט, זאל ענדליך האבן א תיקון און אן עלי'ה"

דערציילט דורך כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ זצוק"ל (תרגום ועיבוד חפשי)

אויף די שטעגעלעך און וועגעלעך נעבן מעזשיבוש קלעטערט דער יונגער ר' משה מעשיל. ער גייט אויף א שליחות פון זיין גרויסן רבי'ן דער בעל שם טוב, איבערגעבן א בריוו צום גרויסן גאון רבי חיים רפאפורט זצ"ל, אב"ד לעמבערג.

אינעם בריוו איז געשטאנען, אז דער בעש"ט זאגט אן רבי חיים אז אויף א געוויסער מיטוואך אין חודש תמוז, זאל ער אפפארן צו א באשטימטען ארט, טיעף אריין אין וואלד. דארט אינמיטן וואלד זאל ער לערנען - בעיון ובעמקות - די ערשטע פיר פרקים פון הלכות ברכות אין רמב"ם בהתמדה גדולה, און ער זאל זיך איינ'חזר'ן די חידושי תורה וואס ווערן אים נתחדש אויפן ארט, דאווענען מנחה דארט על אתר און דערנאך צוריק אהיימפארן.

רבי חיים האט נישט פארשטאנען דער תכלית פון דער מיסיע, אבער אז דער בעל שם טוב הייסט, האט ער נישט געפרעגט קיין קשיות און צום באשטימטער טאג האט ער זיך ארויסגעלאזט צום וואלד צוזאמען מיט זיין באגלייטער.

זיי האבן זיך ארויסגעלאזט גאר פרי אין טאג, אבער דער וועג האט זיי געדויערט לאנגע שעות, צוליב פילע שוועריקייטן און שטרויכלונגען אויפן וועג. צום ערשט האט זיך דער רעדל פונעם וואגן צובראכן, דאן זענען די פערד אריין געפאלן אין א זומפ. אזוי האט זיך דער וועג פארלענגערט פיל מער ווי דער ארגינעלער צייט. ערשט שפעט אריין אינעם טאג האבן זיי דערגרייכט דעם באשטימטן ארט וואס דער בעש"ט האט זיי אנגעוויזן.

רבי חיים האט אריינשפאצירט אין וואלד, און זיך אפגעשטעלט אין א גרויסן אפענעם פעלד טיף צווישן חרוב'ע געביידעס און געדעכטעביימער. פיר שעה איז ער דארט געזיצן, און בהתמדה גדולה געלערנט די באשטימטע הלכות אין רמב"ם.

צוליב די גרויסע היץ איז ער געווארן זייער דארשטיג, און בשעת ער האט ממשיך געווען צו לערנען זענען זיינע באגלייטער ארום געגאנגען אויפצוזוכן וואסער. טיעף אינעם וואלד האבן זיי געטראפן א קוואל פון פרישע וואסער, מיט וועלכע זיי האבן געשטילט דאס דארשט און זיך געוואשן די הענט פאר מנחה. אין אווענט האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צוריק אהיים.

אום חודש אלול, איז רבי חיים געפארן קיין מעזשיבוש צום בעל שם טוב. זיך טרעפנדיג מיטן בעש"ט האט ער איבערגעגעבן אז זינט יענע נסיעה אין וואלד, שפירט ער ווי זיין מוח און הארץ האבן זיך געעפנט אין 'חכמת התורה' און 'עבודת השם', ער שפירט א גרויסע עלייה אין זיין עבודת ה'; מאכנדיג מער פארשריט במשך די געציילטע פאר וואכן - ווי במשך זיין גאנצע לעבן.

### דער ציל פונעם נסיעה

שבת ביים סעודה האט דער בעל שם טוב מגלה געווען פאר רבי חיים, די ציל פון דער נסיעה: עס איז געווען כדי א טובה צו טוהן מיט א נשמה פון א איד משה בן שמואל צדוק, וואס איז נפטר געווארן 117 יאר פריער. דער איד איז געווען א גרויסע למדן און תלמיד חכם אבערליידער איז ער געווען א כופר און געפירט א פרייע לעבן. שבת פלעגט ער שרייבן 'חידושים' און האט אפי' חתונה געהאט מיט נישט קיין אידענע. אין זיין עלטער האט ער זיך אבער צוריקגעכאפט צום אידישן לעבנסשטייגער און זיך אויפגעפירט בדרך התורה.

עס איז געקומען דער צייט - איז דער בעש"ט ממשיך - אז דער תורה וואס דער משה בן שמואל צדוק האט געלערנט, זאל האבן א תיקון און אן עלייה. דאס האסטו אויפגעטוהן דורך דיין נסיעה. דער ארט וואו איר זענט געגאנגען לערנען - איז דער פלאץ וואו עס האט זיך געפינען דעם איד'ס וואוינארט, און שפעטער איז ער דארט באגראבן געווארן. דורך דעם וואס איר האט דארט געלערנט און געדאוונט בקדושה ובטהרה - איז נתעלה געווארן זיין תורה און עבודה פון די קליפות. טאקע בזכות דעם האט איר אליינס זוכה געווען צו אזא רוחניות'דיגער עלייה און התחדשות.

"נאך א שליחות האסטו דארט אויסגעפירט" האט דער בעש"ט צוגעלייגט. "עס שטייט אין זוהר הק',

*המשך אויפן ערשטן זייט* ›

**יוצא לאור ע"י 'נרות להאיר'**
gilyon@Lehuir.com | (845) 600-0229
צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, אדער פאר סיי וועלכע הערות, ביטע שיקט א מעסעדזש צו די מערכת.

* להקל על הקורא, מובא כאן עם שינויי לשון קלים – ע"פ סגנון שפה המדוברת היום – ועל אחריות המערכת בלבד.

**נא לשמור על קדושת הגליון**